וישלח תשפ"ג
גליון 120

# דעם רבינ'ס ליכט

## דער ריינער קוואל



א גוּטְן שַׁבָּת פַאר אַלֶע לֶעכְטִיגֶע קִינְדֶער,

מִיר שְׁטֵייעֶן שׁוֹין מַמָּשׁ פַאר דֶער הֵיילִיגֶער יוֹם טוֹב חֲנוּכָּה, לָאמִיר זֶען ווִי אַזוֹי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מִיט זַיין תַּלְמִיד ר׳ נָתָן בְּרֶענְגֶען אַרָאפּ דֶער לִיכְטִיגְקֵייט פוּן חֲנוּכָּה צוּ אוּנְז קְלֵיינֶע מֶענְטְשֶׁעלֶעךְ.

׳חֲנוּכָּה׳ אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן אָנְהֵייבְּן, אַזוֹי ווִי מֶען זֶעט ווֶען אַ אִיד צִיט זִיךְ אַרַיין אִין אַ נַייעֶ דִירָה אָדֶער בֵּית הַמִּדְרָשׁ מַאכְט מֶען אַ ׳חֲנֻכַּת הַבַּיִת׳. אַזוֹי אוֹיךְ אִיז חֲנוּכָּה אַ לָשׁוֹן פוּן ׳חִינּוּךְ׳, מֶען אִיז מְחַנֵּךְ אַ קִינְד צוּ גֵיין אוֹיפְן אִידִישְׁן ווֶעג. ווִי לַאנְג אַ יוּנְגְל אָדֶער בָּחוּר, אָדֶער אֲפִילוּ אַן עֶלְטֶערֶער אִיד אִיז נָאכְנִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען צוּ זַיין שְׁלֵימוּת הֵייסְט עֶר נָאךְ אַ קָטָן - זַיין שֵׂכֶל אִיז נָאךְ קְלֵיין, אָבֶער מִיט דֶעם אַלֶעם הָאט דֶער בַּאשֶׁעפֶער אַ גְרוֹיסְן נַחַת רוּחַ פוּן זַיין עֲבוֹדַת ה׳ ווַייל דוּרְכְדֶעם אִיז עֶר זִיךְ ׳מִתְחַנֵּךְ׳ צוּ ווַאקְסְן מֶער אוּן הֶעכֶער אוּן לֶערְנְט זִיךְ אוֹיס צוּ דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן בֶּעסֶער אוּן שֶׁענֶער.

אַ קְלֵיין קִינְד ווֶען מֶען לֶערְנְט אִים אוֹיס צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל צוּ מַאכְן אַ בְּרָכָה, אָנְטוֹן אַ קַאפְּל, צִיצִית א.א.וו. אַלֶעס סָארְטְן חִינּוּךְ ווָאס מֶען לֶערְנְט מִיט אִים, אִיז דָאס אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה ווַייל אַזוֹי הֵייבְּט עֶר אָן אַרַיינְגֵיין אִין עֲבוֹדַת ה׳ אֲפִילוּ אַ מִינוּט נָאכְדֶעם גֵייט עֶר צוּרִיק צוּ זַיינֶע נַארִישְׁקַייטְן, אִיז אָבֶער פָארְט זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים

### אַייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין ווָאס דָא הָאט זִיךְ גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

בַּאשֶׁעפֶער אוּן בַּיי זַיין טַאטְן יֶעדֶע קְלֵיינֶע תְּנוּעָה ווָאס עֶר טוּט.

ווָאס מֵיינְט בַּיי אוּנְז חִינּוּךְ? ווִיאַזוֹי גֵייעֶן מִיר יֶעצְט פְרִישׁ אַרַיין אִין חֶדֶר זִיךְ אוֹיסְלֶערְנֶען צוּ ווֶערְן וואוּילֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן אוּן זִיךְ הֵייבְּן צוּם בַּאשֶׁעפֶער. דֶער עִיקָר ווֶעג אִיז צוּ דַאנְקְן אוּן לוֹיבְּן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף אַלֶעס ווָאס עֶר גִיבְּט אוּנְז, סַיי תּוֹרָה אוּן מִצְווֹת אוּן סַיי דִי אַלֶע גַשְׁמִיּוּת׳דִיגֶע זַאכְן ווָאס עֶר שִׁיקְט אוּנְז כְּסֵדֶר. אוּן אַז מֶען נִיצְט דָאס מוֹיל צוּ דַאנְקְן אוּן לוֹיבְּן גָאט, קֶען מֶען זִיךְ עֶפֶּענֶען דָאס הָארְץ צוּ בֶּעטְן אוֹיף ווַייטֶער אוּן פוּעֶל׳ן נָאךְ גְרֶעסֶערֶע אוּן בֶּעסֶערֶע מַתָּנוֹת, ווַייל לֵיידֶער גֵייעֶן אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן אַרִיבֶּער שְׁווֶערֶע נִסְיוֹנוֹת צַעַר אוּן יִסּוּרִים אוּן דִי עֵצָה אִיז מֶען זָאל אַרַיינְקוּקְן אִין דִי צָרָה אוּן אַפִּירְזוּכְן אַ בְּרֵייטְקֵייט אִין דִי צָרָה אַלֵיין, לְמָשָׁל אַז אַ קִינְד הָאט ווֵייעֶן אוֹיף זַיינֶע פִיס, קֶען עֶר טְרֶעפְן אַ הַרְחָבָה אַז פָּארְט הָאט עֶר פִיס אוּן עֶר קֶען גֵיין אָן שְׁטֶעקֶענֶעס אוֹיף זַיינֶע אֵייגֶענֶע צְווֵיי פִיס!




דִי דֶערְמַאנְטֶע עֵצָה צוּ טְרֶעפְן אַ הַרְחָבָה אִין דִי צָרָה שְׁרַייבְּט דֶער רֶבִּי אִין אַ תּוֹרָה (קצ"ה) אוֹיפְן פָּסוּק ׳בַּצָּר הִרְחַבְתָּ לִּי׳ אַז אֲפִילוּ אִין דִי צָרָה הֶעלְפְט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער. דִי יְווָנִים הָאבְּן גֶעווָאוּסְט פוּן דֶעם סוֹד, הָאבְּן זֵיי גֶעווָאלְט

המשך אויף לעצטן זייט

# און דָארְטְן אִיז זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ גֶעוֶוען...

לָאמִיר זִיךְ אוּנְטֶערְהֶערְן וָואס ר' לֵוִי יִצְחָק דֶערְצֵיילְט וִוי אַזוֹי אַ חֲתוּנָה הָאט אוֹיסְגֶעזֶען אַמָאלִיגֶע צַייטְן:

"הֶער זִיךְ אֵיין; אִיךְ גֶעדֶענְק אִין אוּמַאן - אַ חֲתוּנָה אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁטִיקְל הֶערִינְג מִיט בְּרוֹיט, אַ שְׁטִיקְל הָאלְץ מִיט אַ קַאסְטְן און אֵיין פִיסְל וָואס אִיז גֶעוֶוען צוּבְּרָאכְן, דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער טִישׁ, - אַזוֹי וִוי בַּיי דִי מַעֲשֶׂה פוּן דֶעם 'בֶּעטְלֶער' 'זֵיי הָאבְּן זִיךְ אוֹיסְגֶעגְרָאבְּן אַ גְרוֹיסְן גְרוּבּ, און זֵיי הָאבְּן אִים צוּגֶעדֶעקְט מִיט פְּרוּטֶעס און מִיט עֶרְד און מִיט מִיסְט, און מֶען הָאט צוּנוֹיף גֶענוּמֶען קוֹלִיטְשׁ - און זֵיי זֶענֶען דָארְט זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ גֶעוֶוען!'... אַזוֹי הָאט אוֹיסְגֶעזֶען אַ חֲתוּנָה אִין אוּמַאן.

און מֶען הָאט גֶעטַאנְצְט אַזֶעלְכֶע רִקוּדִין, אַז עֶס הָאט זִיךְ גֶעגָאסְן דִי שְׁוַויים!

שְׁוַויים הָאט זִיךְ גֶעגָאסְן, מֶער וִוי דִי וַויין, מֶער וִוי דִי מַשְׁקָאוֹת!... און דָארְט אִיז גֶעוֶוען אַזַא מִין שִׂמְחָה...

רֶבִּי מָאטֶעלֶע טְשֶׁערְנָאבְּלֶ'ער הָאט בַּיי דִי חֲתוּנָה פוּן ר' יִשְׂרָאֵלְ'ן (דִי בַּאווּאוּסְטֶע חֲתוּנָה פוּן רֶבִּי יִשְׂרָאֵל זוּן פוּן רֶבִּי יִצְחָק אַיְיזִיק און מָרַת שָׂרָה'קֶע טָאכְטֶער פוּן רֶבִּי'ן - אֵיינִיקְל פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן - מִיט דִי טָאכְטֶער פוּן רֶבִּי אַהֲרֹן זוּן פוּן רֶבִּי מָרְדְּכַי הַמַּגִּיד מִטְשֶׁערְנָאבִּיל.)

נָאךְ דִי חֻפָּה זֶענֶען אוּנְזֶערֶע לַייט גֶעגַאנְגֶען דָארְטְן מַאכְן אַ רִקוּד, און ר' מָאטֶעלֶע הָאט זִיךְ דָארְט צוּגֶעשְׁפַּארְט - עֶר אִיז גֶעשְׁטַאנֶען מִיטְן הֶעמְד און מִיטְן טַלִּית קָטָן און זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: 'אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט עֶס טַאנְצְן חֲסִידִים - צַדִּיקִים טַאנְצְן!'

דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ בְּחִינָה דָארְטְן בַּיי דִי רִקוּדִים!

און קַיין מוּזִיק אִיז זִיכֶער נִישְׁט גֶעוֶוען מֶען הָאט גֶעדַארְפְט צוּנוֹיף נֶעמֶען גֶעלְט צוּ קוֹיפְן אַ בְּרוֹיט מִיט אַ הֶערִינְג - דָאס אִיז גֶעוֶוען! און מַשְׁקֶה - אִיז גֶעוֶוען דֶעם תַּם'ס מַשְׁקֶה - אַ גְרוֹיסֶע קְרוּגְל וַואסֶער!



מִיר פְּלֶעגְן זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְן פוּן גֵיין צוּ דִי גְרוֹיסֶע חֲתוּנוֹת. אִיךְ בִּין אֵיינְמָאל גֶעוֶוען דָארְטְן אֱלוּל אִין טְשֶׁעהְרִין, אִיז גֶעוֶוען אַ גְבִיר'ישֶׁע חֲתוּנָה. ר' אַבְרָהָם אִיז גֶעוֶוען חַזָן, און אַ חַזָן מוּז גֵיין אוֹיף דֶער חֲתוּנָה; דָארְטְן אִיז דֶער חַזָן אַ רָב אוֹיךְ, דֶער חַזָן אִיז מְסַדֵּר קִדּוּשִׁין, אַלֶעס טוּט דֶער חַזָן. הָאבּ אִיךְ טַאקֶע נִישְׁט גֶעוָואלְט גֵיין אוֹיף דֶער חֲתוּנָה וַוייל דָארְטְן אִין טְשֶׁערִין אִיז גֶעוֶוען דִי רַייכְקַייט מִיט דִי גֶעפּוּצְטְקַייט, וִוידֶער אִין אוּמַאן הָאט מֶען נִישְׁט גֶעווּאוּסְט דִי אַלֶע מַעֲשֶׂה'ס.

דֶער בַּעַל שִׂמְחָה - פוּן אוּנְזֶערֶע מֶענְטְשְׁן, פוּן אוּנְזֶער שְׁטִיבְּל נָאר אַ פַּארְמֶעגְלִיכֶער - הָאט מִיךְ גֶעבֶּעטְן,

המשך אויף לעצטע זייט

# איין מעשה'לע



דער באשעפער באוואוינט וואונדער
פאר אייערע ליבע קינדער

## אָנְגֶעגְרֵייט דִי יְשׁוּעָה

דִי וָואךְ מִיטְוָואךְ אִיז גֶעוֶוען דִי יָארְצַייט פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּת-עַיִן. אַ בְּרֶסְלֶבֶ'ער חָסִיד כַאפְּט זִיךְ שְׁנֶעל צוּ צוּ פָארְן צוּ קִבְרֵי צַדִיקִים, וואוּ ר' נָתָן שְׁטֶעלְט אוּנְז פַאר וָואסְפַאר‍ַא גְרוֹיסֶע קְדוּשָׁה עֶס הֶערְשְׁט אִין אַזַא מָקוֹם קוֹדֶשׁ.

מַיין טַאטֶע אִיז גֶעפָארְן קַיין צְפַת צוּם הֵיילִיגְן קֵבֶר אוּן הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מִתְפַּלֵל זַיין דָארְט. אַרוֹיסְקוּמֶענְדִיג פוּן בֵּית הַחַיִים, נָאךְ אַ גוּטְן הִתְבּוֹדְדוּת, זֶעצְט עֶר זִיךְ אַרַיין אִין קַאר אָבֶער דֶער קַאר וִויל זִיךְ נִישְׁט אָנְצִינְדְן. עֶר דְרִיקְט רֶעכְטְס אוּן לִינְקְס אָבֶער גָארְנִישְׁט רִירְט זִיךְ נִישְׁט. וָואס קֶען דָאס זַיין?

עֶר עֶפְנְט דִי טִיר פוּן אוֹיטָא שְׁטֵייט דֶערְנֶעבְן אַ אִיד. עֶר קוּמְט צוּ אוּן פְרֶעגְט, "דוּ קֶענְסְט נִישְׁט אָנְצִינְדְן דַיין קַאר? דַארְפְּסְט בַּאטֶערִיֶע?"

"קֶען זַיין."

נָאךְ פַאר מַיין טַאטֶע הָאט גֶעכַאפְּט וָואס דָא גֵייט פָאר, נֶעמְט עֶר אַרוֹיס אַ מַאשִׁין מִיט קֶעבְּלְס (אַ מַאשִׁין וָואס וֶועקְט אוֹיף אַ פַארְשְׁלָאפֶענֶע בַּאטֶערִיֶע).

"עֶפְן דִי דֶעקְל פוּן דַיין קַאר," זָאגְט עֶר צוּ מַיין טַאטֶע. אוּן גְלַייךְ הָאט עֶר אוֹיפְגֶעלֶעבְּט דִי בַּאטֶערִיֶע פוּן דִי קַאר אוּן מַיין טַאטֶע הָאט וַוייטֶער גֶעקֶענְט פָארְן, דַאנְקְנְדִיג פַאר דֶער נֵס.

מַיין טַאטֶע זָאגְט מִיר, אַז וֶוען אַלֶעס גֵייט גוּט אִיז כְּדַאי זִיךְ פָארְצוּשְׁטֶעלְן פַארְקֶערְט אַזוֹי קֶען מֶען מֶער דַאנְקְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער.

וָואס וָואלְט גֶעוֶוען וֶוען יֶענֶער אִיד - וֶועלְכֶער וואוֹינְט אִין אַשְׁקְלוֹן - וָואלְט פוּנְקְט נִישְׁט דָארְט גֶעוֶוען אוּן בַּאמֶערְקְט נִישְׁט אַז מַיין טַאטֶע נוֹיטִיגְט זִיךְ אִין בַּאטֶערִיֶע? עֶס וָואלְט גֶעקָאסְט אַסַאךְ צַייט אוּן טִרְחָה פַאר מַיין טַאטְן אוּן עֶר וָואלְט גֶעדַארְפְּט מַאכְן טֶעלֶעפָאנֶען, רוּפְן דֶעם אוּן יֶענֶעם בִּיז עֶר וָואלְט גֶעקֶענְט וַוייטֶער פָארְן. בָּ"ה אַז מַיין טַאטֶע הָאט גֶעקֶענְט פָארְזֶעצְן זַיין וֶועג קַיין מִירוֹן אוּן אוֹיךְ דָארְט מִתְפַּלֵל זַיין.

**שמעון**

אִיךְ וואוֹין אִין חוּץ לָאָרֶץ, אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט רוּפְן דֶעם טֶעל-לַיין פוּן רֶבִּי'נְס לִיכְט. אִיךְ רוּף אָן, עֶס קְלִינְגְט אוּן קְלִינְגְט, אָבֶער עֶס קוּמְט נִישְׁט אָן, הָאבּ אִיךְ אַרָאפְּגֶעלֵייגְט דֶעם טֶעלֶעפָאן אוּן גֶעמַאכְט אַ תְּפִלָּה אוּן גֶעבֶעטְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל גְלַייךְ אָנְקוּמֶען. נָאךְ מַיין תְּפִלָּה הָאבּ אִיךְ נָאכְאַמָאל גֶערוּפְן דִי נוּמֶער, אוּן עֶס אִיז גְלַייךְ אָנְגֶעקוּמֶען. אַ יִשַׁר כֹּחַ פַאר דִי טֶעל-לַיין.

**יוֹאֵל, קַאנַאדֶע**

**מִיר ווִילְן אִין דֶעם גֶעלֶעגְנְהַייט אִיבֶּערְבֶּעטְן דִי קִינְדֶער פוּן חוּץ לָאָרֶץ אַז מֶען הָאט מְבַטֵל גֶעוֶוען אֵיין נוּמֶער, וֶועלְכֶע פְלֶעגְט זֵייעֶר גוּט אַרְבֶּעטְן, אָבֶער עֶס הָאט אוּנְז גֶעקָאסְט אוּמְגֶעהוֹיעֶרֶע קָאסְטְן, מִיר הָאפְן אַז עֶס וֶועט זִיךְ טְרֶעפְן אַ נַדְבָן וֶועלְכֶער וֶועט זַיין גְרֵייט צוּ תּוֹרֵם זַיין פַאר אַ נֵייעֶם נוּמֶער. דֶער אִיצְטִיגֶער נוּמֶער קָאסְט טַאקֶע נִישְׁט פַאר דִי מַעֲרֶכֶת אָבֶער עֶס מַאכְט זִיךְ גַאנְץ אָפְטֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען דֶערְמִיט, זַייטְס מִתְפַּלֵל וַוייטֶער, ולה' הַיְשׁוּעָה.**

# דִי עֶלֶעוְוטֶע מַעֲשֶׂה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט ~

## דֶער בֶּן מֶלֶךְ אוּן בֶּן שִׁפְחָה וְועלְכֶע זֶענֶען פַאַרְבִּיטְן גֶעוָוארְן 2




**אוּן דֶער מֶלֶךְ** (דְהַיינוּ דֶער פַאלְטְשֶׁער בֶּן מֶלֶךְ דֶער פַאַרְבִּיטֶענֶער וָואס עֶר אִיז גִיוָוארְן מֶלֶךְ) **הָאט אָפְּגִינוּמֶען דִי מְלוּכָה שְׁטַארְק. אוּן אַז עֶר הָאט עֶפֶּעס גִיהֶערְט אַז מֶענְשְׁן מוּמְלֶען אוּן שְׁמוּסְן עֶפֶּעס דֶערְפוּן** (דְהַיינוּ אַז זֵיי זֶענֶען פַאַרְבִּיטְן גִיוָוארְן כַּנַּ"ל הָאט עֶר זֵיי מַעֲנִישׁ גִיוֶוען כְּלוֹמֶר גִישְׁטְרָאפְט אוּן גִיפַּיינִיקְט) **אוּן הָאט זִיךְ אִין זֵיי נוֹקֵם גִיוֶועהְן. אוּן עֶר הָאט גִיקִינִיגְט בְּתוֹקֶף וְעוֹז.**

**וַיְהִי הַיּוֹם.** אִיז דֶער מֶלֶךְ גִיפָּארְן מִיט זַיינֶע שָׂרִים. נאוולאווי (דְהַיינוּ חַאפְּן חַיּוֹת) אוּן זֵיי זֶענֶען גִיקוּמֶען צוּ אַ שֵׁיין אָרְט. אוּן אַ טַייכְל וַואסֶער אִיז גִיוֶוען פַאר דֶעם אָרְט. הָאבְּן זֵיי זִיךְ גִישְׁטֶעלְט דָארְט אָפְּרוּעֶן זִיךְ. אוּן הָאבְּן זִיךְ גִיוָואלְט דָארְט שְׁפַּאצִירְן הָאט זִיךְ דֶער מֶלֶךְ אַבִּיסְל צוּגִילֵייגְט.

**אִיז אִים גִיקוּמֶען אוֹיף אִין זִין** דִי מַעֲשֶׂה וָואס עֶר הָאט גִיטָאן. וָואס עֶר הָאט פַּאַרְטְרִיבְּן דֶעם דָאזִיגְן אוּמְזִיסְט. וָוארְן מִמָּה נֶפְשָׁךְ. אִיז עֶר אַנְדֶערְשׁ דֶער בֶּן מֶלֶךְ. לֹא דַי וָואס עֶר אִיז פַאַרְבִּיטְן גִיוָוארְן, פַּארְוָואס זָאל עֶר נָאךְ פַּאַרְטְרִיבְּן וֶוערְן אוּמְזִיסְט. אוּן אַז עֶר אִיז נִישְׁט דֶער בֶּן מֶלֶךְ. קוּמְט אִים אוֹיךְ נִיט אַז מֶען זָאל אִים פַּארְטְרַייבְּן. וָוארְן וָואס הָאט עֶר גִיזִינְדִיגְט.

**הָאט דֶער מֶלֶךְ זִיךְ פַארְטְרַאכְט** אִין דֶער זַאךְ אוּן הָאט חֲרָטָה גִיהַאט אוֹיף דֶער עֲבֵירָה אוּן אוֹיף דֶער גְרוֹיסֶער עַוְולָה וָואס עֶר הָאט דָא גִיטָאן. אוּן דֶער מֶלֶךְ הָאט זִיךְ נִישְׁט גִיקָאנְט קֵיין עֵצָה גִיבְּן. וָואס עֶר זָאל דָא טָאן. אוּן שְׁמוּסְן קָאן מֶען אַזוֹי אַ זַאךְ נִיט מִיט קֵיין שׁוּם מֶענְשְׁן מֶען זָאל מִיט אִים אֵיין עֵצָה הַאלְטְן (וָוארְן מֶען שֶׁעמְט זִיךְ בְּוַודַאי אַזוֹינְס צוּ שְׁמוּסְן מִיט לַייט)

**אִיז דֶער מֶלֶךְ זֵייעֶר פַאַרְזָארְגְט גִיוָוארְן אִין גְרוֹיס דַאֲגָה.** הָאט עֶר גִיהֵייסְן דִי שָׂרִים. אַז מֶען זָאל זִיךְ אוּמְקֶערְן. וָוארְן וַוייל סֶע אִיז אוֹיף אִים גִיפַאלְן דַאֲגָה. בַּאדַארְף מֶען זִיךְ שׁוֹין נִיט שְׁפַּאצִירְן.

**הָאבְּן זֵיי זִיךְ אוּמְגִיקֶערְט אַהֵיים.** וִוי דֶער מֶלֶךְ אִיז גִיקוּמֶען אַהֵיים. הָאט עֶר בְּוַודְאַי גִיהַאט כַּמָּה זַאכְן אוּן אִינְטֶערֶעסְן. הָאט עֶר זִיךְ גִיפָּארֶעט אִין זַיינֶע אִינְטֶערֶעסְן. אִיז אִים דִי זַאךְ אוֹיס אִין זִין אַרוֹיס. (דְהַיינוּ דִי דַאֲגָה אוּן דִי חַרָטָה וָואס עֶר הָאט גִיהַאט אוֹיף דֶעם וָואס עֶר הָאט יֶענֶעם פַּאַרְטְרִיבְּן אוּמְזִיסְט).

**אוּן דֶער וָואס עֶר אִיז פַּאַרְטְרִיבְּן גִיוָוארְן** (דְהַיינוּ דֶער אֱמֶתֶער בֶּן מֶלֶךְ) אוּן עֶר הָאט גִיטָאן וָואס עֶר הָאט גִיטָאן. אוּן עֶר הָאט אוֹיס גִיבְּרַאכְט זַיין גֶעלְט. אַמָּאל אִיז עֶר אַלֵיין אַרוֹיס גִיגַאנְגֶען זִיךְ שְׁפַּאצִירְן. אוּן עֶר הָאט זִיךְ צוּגִילֵייגְט.

**אִיז אִים גִיקוּמֶען אוֹיף אִין זִין.** וָואס מִיט אִים הָאט זִיךְ אִיבֶּער גִיטָאן אוּן הָאט אָנְגִיהוֹיבְּן צוּ טְרַאכְטְן. וָואס הָאט עֶס גָאט מִיר גִיטָאן. בִּין אִיךְ אַנְדֶערְשׁ דֶער בֶּן מֶלֶךְ. קוּמְט מִיר בְּוַודְאַי נִיט דָאס. אוּן אַז אִיךְ בִּין נִיט דֶער בֶּן מֶלֶךְ. קוּמְט מִיר אוֹיךְ נִיט דָאס דָאזִיגֶע אַז אִיךְ זָאל זַיין אֵיין בּוֹרֵחַ אוּן אַ פַּארְטְרִיבֶּענֶער.

**דֶערְנָאךְ הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵּׁב גִיוֶועןְ.** אִין דֶער דֵיעָה. אַדְרַבָּא. אַז סֶע אִיז יוֹא אַזוֹי. אַז הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ קָאן יוֹא אַזוֹינְס טָאן אַז מֶע זָאל פַאַרְבַּייטְן אַ בֶּן מֶלֶךְ. אוּן סֶע זָאל אוֹיף אִים אַזוֹינְס אִיבֶּער גֵיין קֶער אִיךְ זֶע מִיךְ יוֹא אַזוֹי צוּ פִירְן. אִיז זֶע רֶעכְט וָואס אִיךְ הָאבּ גִיטָאן. שְׁטֵייט עֶס מִיר אָן אַז אִיךְ זָאל מִיךְ אַזוֹי פִירְן. אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאבּ גִיטָאן.

**אוּן עֶר הָאט אָנְגִיהוֹיבְּן גְרוֹיס צַעַר צוּ הָאבְּן** אוּן זַייעֶר חֲרָטָה צוּ הָאבְּן אוֹיף דִי מַעֲשִׂים רָעִים וָואס עֶר הָאט גִיטָאן. דֶערְנָאךְ הָאט עֶר זִיךְ אוּמְגִיקֶערְט אַהֵיים דָארְט וִוי עֶר אִיז גִיוֶוען. אוּן עֶר הָאט זִיךְ וַוייטֶער גִינוּמֶען צוּם טְרוּנְק. נָאר מַחְמַת עֶר הָאט שׁוֹין אָנְגִיהוֹיבְּן חֲרָטָה צוּ הָאבְּן פְלֶעגְט אִים מְבַלְבֵּל צוּ זַיין. דִי מַחְשָׁבוֹת פוּן חֲרָטָה אוּן תְּשׁוּבָה וָואס סֶע אִיז אִים גִיקוּמֶען אוֹיף אִין זִין אַלֶע מָאל.

**אַמָאל הָאט עֶר זִיךְ צוּ גְעלֵייגְט** הָאט זִיךְ אִים גְעחָלֶמְט. בַּאֲשֶׁר אִין דֶעם אוּן אִין דֶעם אָרְט אִיז יְרִיד אִין דֶעם אוּן דֶעם טָאג. בְּכֵן זָאל עֶר אַהִין גֵיין. אוּן וָואס סֶע וֶועט זִיךְ אִים טְרֶעפְן צוּם עֶרְשְׁטְן עֶפֶּעס אַ פַּארְדִינְסְט. זָאל עֶר עֶס תֵּיכֶּף טָאן. כָאטְשֶׁע סֶע וֶועט נִיט זַיין וֶועדְלִיג זַיין כָּבוֹד (אַזוֹי הָאט זִיךְ אִים גְעחָלִימְט) **אוּן עֶר הָאט זִיךְ אוֹיף** גְעכַאפְּט.

**אוּן דֶער חָלוֹם אִיז אִים אַרַיין** זַייעֶר אִין דֶער מַחְשָׁבָה אַרַיין. וָוארְן אַמָאל אִיז פַארְהַאנְדְן אַז דִי זַאךְ גֵייט תֵּיכֶּף אַרוֹיס פוּן דֶער מַחְשָׁבָה. נָאר דֶער חָלוֹם אִיז אִים זַייעֶר אַרַיין אִין דֶער מַחְשָׁבָה. לוּשְׁמִיר פוּן דֶעסְטְוֶועגְן פָּארְט. **אִיז בַּיי אִים שְׁוֶוער גִיוֶוען** אַז עֶר זָאל דָאס טוּן. אוּן עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען וַוייטֶער צוּם טְרוּנְק. אוּן דֶער חָלוֹם הָאט זִיךְ אִים וַוייטֶער גִיחָלִימְט כַּמָה פְּעָמִים אוּן דֶער חָלוֹם הָאט אִים זַייעֶר מְבַלְבֵּל גִיוֶוען.

**אַמָאל הָאט מֶען אִים גִיזָאגְט אִין חָלוֹם. אַז דוּ וִוילְסְט אוֹיף דִיר רַחְמָנוּת הָאבִּין זָאלְסְטוּ אַזוֹי טָאן** (דְהַיינוּ עֶר זָאל גֵיין אוֹיף דֶעם יְרִיד וְכוּ' כַּנַ"ל)

**הָאט עֶר שׁוֹין גִימוּזְט מְקַיֵים זַיין דֶעם חָלוֹם. אוּן עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען.** אוּן הָאט אַוֶועק גִיגִיבְּן דָאס אִיבְּרִיקֶע גֶעלְט וָואס עֶר הָאט נָאךְ גִיהַאט הָאט עֶר עֶס אַוֶועק גִיגִיבְּן אוֹיף דֶער אַרְבִּירִיק וִוי עֶר אִיז גִישְׁטַאנֶען אוּן דִי גוּטֶע קְלֵיידֶער וָואס עֶר הָאט גִיהַאט.

**הָאט עֶר אוֹיךְ גִילָאזְט** אוֹיף דֶער סְטַאנְצְיָא. אוּן עֶר הָאט זִיךְ גִינוּמֶען אַ פְּרָאסְטֶע מַלְבּוּשׁ וִוי סוֹחֲרִים דְהַיינוּ אֵיין אַ פִּינְטְשֶׁע אוּן אִיז גִיפָארִין אוֹיף דֶעם יְרִיד. אוּן אִיז אַהִין גִיקוּמֶען.

**אוּן עֶר אִיז אוֹיף גִישְׁטַאנֶען גַאנְץ פְּרִיא** אוּן אִיז גִיגַאנְגֶען אוֹיף דֶעם יְרִיד. הָאט אִים בַּאגֶעגִינְט אַ סוֹחֵר אוּן הָאט צוּ אִים גִיזָאגְט. וִוילְסְטוּ עֶפֶּעס פַארְדִינֶען הָאט עֶר אִים גִיעֶנְפֶערְט יוֹא. הָאט עֶר אִים גִיזָאגְט אִיךְ בַּאדַארְף דָא צוּ טְרַייבִּין בְּהֵמוֹת. וֶועסְטוּ זִיךְ פַארְדִינְגֶען בַּיי מִיר. אוּן עֶר הָאט נִיט צַייט גִיהַאט זִיךְ מְיַישֵׁב צוּ זַיין מַחְמַת דֶעם חָלוֹם הַנַ"ל (וָוארְן דֶער חָלוֹם אִיז זִיךְ גִיוֶוען אַז דָאס עֶרְשְׁטֶע פַארְדִינְסְט מוּז עֶר אָנֶעמֶען וְכוּ' כַּנַ"ל)

**הָאט עֶר תֵּיכֶּף גִיעֶנְפֶערְט. יוֹא.** אוּן דֶער סוֹחֵר הָאט אִים תֵּיכֶּף גִידוּנְגֶען. אוּן הָאט תֵּיכֶּף אָנְגִיהוֹיבִּין אוֹיף אִים צוּ שַׁאפִּין אַזוֹי וִוי אֵיין הַאר אוֹיף זַיינֶע מְשָׁרְתִים. אוּן עֶר הָאט זִיךְ אָנְגִיהוֹיבְּן אַרוּם צוּ קוּקִין וָואס עֶר הָאט דָא גִיטָאן. וָוארִין צוּ אִים קוּמְט בְּוַודַאי נִיט אַזוֹי אֵיין דִינְסְט. וָוארִין עֶר אִיז זִיךְ אֵיין אֵיידְלֶער מֶענְטְשׁ.

**אוּן הַיינְט** וֶועט עֶר מוּזִין טְרַייבִּין בְּהֵמוֹת. אוּן עֶר וֶועט מוּזִין גֵיין צוּפוּס בַּיי דִי בְּהֵמוֹת. נָאר מֶע קָאן שׁוֹין קֵיין חֲרָטָה נִיט הָאבִּין. אוּן דֶער סוֹחֵר שַׁאפְּט אוֹיף אִים. אַזוֹי וִוי אֵיין הַאר. הָאט עֶר גִיפְרֶעגְט דֶעם סוֹחֵר. וִוי וֶועל אִיךְ אַלֵיין גֵיין מִיט דִי בְּהֵמוֹת.

**הָאט עֶר אִים גִיעֶנְפֶערְט.** אִיךְ הָאבּ נָאךְ הַאדַאייֶעס וָואס זֵיי טְרַייבִּין מַיינֶע בְּהֵמוֹת. וֶועסְטוּ מִיט זֵיי אִין אֵיינֶעם גֵיין. אוּן עֶר הָאט אִים אָפּ גִיגִיבְּן צוּ דֶער הַאנְט עֶטְלִיכֶע בְּהֵמוֹת וָואס עֶר זָאל זֵיי טְרַייבִּין. הָאט עֶר דִי בְּהֵמוֹת גִיפִירְט אוֹיס דֶער שְׁטָאט אַרוֹיס אוּן דָארְט זֶענֶען

זִיךְ צוּם אוֹיף גִיקוּמֶען דִי אִיבְּרִיקֶע הַאדַייֶעס וָואס זֵיי טְרַייבְּן בְּהֵמוֹת.

**זֶענֶען זֵיי אִין אֵיינֶעם גִיגַאנְגֶען.** אוּן עֶר הָאט גִיטְרִיבְּן דִי בְּהֵמוֹת. אוּן דֶער סוֹחֵר הָאט גִירִיטְן אוֹיף אֵיין פֶּערְד. אוּן אִיז בַּיי זֵיי גִיגַאנְגֶען. אוּן דֶער סוֹחֵר הָאט גִירִיטְן מִיט אַכְזָרְיוֹת (דְהַיינוּ מִיט כַּעַס אוּן אוּם דֶערְבַּארִימְקֵייט) אוּן אַקֶעגִין אִים אִיז עֶר גִיוֶוען מִיט מֶער אַכְזָרְיוֹת.

**אוּן עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר** אוּן זֵייעֶר גִישְׁרָאקִין פַּאר דֶעם סוֹחֵר. מַחְמַת עֶר הָאט אִים גִיזֶעהְן אַז עֶר הָאט זֵייעֶר גְרוֹיס אַכְזָרְיוֹת אוּן כַּעַס אַקֶעגִין אִים. אוּן עֶר הָאט מוֹרָא גִיהַאט. טָאמֶער טוּט עֶר אִים אֵיין זֶעץ מִיט דֶעם שְׁטֶעקִין וֶועט עֶר תֵּיכֶּף שְׁטַארְבְּן (וָוארְן דֶער בֶּן מֶלֶךְ אִיז גִיוֶוען זֵייעֶר אֵיין אֵיידְלֶער מֶענְשׁ אוּן מַחְמַת זַיין אֵיידִילְקֵייט הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר גִישְׁרָאקִין אוּן סֶע הָאט זִיךְ אִים אַזוֹי גִידַאכְט)

**אוּן עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען** מִיט דִי בְּהֵמוֹת אוּן דֶער סוֹחֵר בַּיי זֵיי. אוּן זֵיי זֶענֶען גִיקוּמֶען צוּ אֵיין אָרְט. הָאט מֶען גִינוּמֶען דֶעם זַאק וָואס דָארְט לִיגְט דָאס בְּרוֹיט פוּן דִי הַאדַאיֶיעס אוּן מֶע הָאט זֵיי גִיגִיבְּן עֶסִין. אוּן אִים הָאט מֶען אוֹיךְ גִיגִיבְּן פוּן דֶעם בְּרוֹיט. אוּן עֶר הָאט גִיגֶעסִין.

**דֶערְנָאךְ זֶענֶען זֵיי גִיגַאנְגֶען** פַּאר זֵייעֶר אֵיין גִידֶעכְטִין וַואלְד. זֶענֶען פַארְגַאנְגֶען צְוֵויי בְּהֵמוֹת פוּן זַיינֶע בְּהֵמוֹת אִין וַואלְד אַרַיין. הָאט אוֹיף אִים דֶער סוֹחֵר אַ גִישְׁרֵיי גִיטָאן. אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען נָאךְ דִי בְּהֵמוֹת עֶר זָאל זֵיי חַאפִּין.

**אוּן דִי בְּהֵמוֹת זֶענֶען וַוייטֶער** אַנְטְלוֹיפִין גִיוָוארִין. אוּן עֶר הָאט זֵיי נָאךְ גִיָאגְט אוּן מַחְמַת דֶער וַואלְד אִיז גִיוֶוען זֵייעֶר גִידֶעכְט. אִיז תֵּיכֶּף וִוי עֶר אִיז אַרַיין גִיגַאנְגֶען אִין וַואלְד אַרַיין.

**הָאבִּין זֵיי זִיךְ שׁוֹין נִיט גִיזֶעהְן אֵיינְס דָאס אַנדֶערֶע.** אוּן עֶר אִיז תֵּיכֶּף נֶעלָם גִיוָוארְן (דְהַיינוּ פַארְהוֹילְן גִיוָוארִין) **פוּן זֵייעֶרֶע אוֹיגִין** (דְהַיינוּ פוּן דִי אִיבְּרִיקֶע וָואס זֵיי זֶענֶען מִיט אִים גִיגַאנְגֶען) **אוּן עֶר** (דְהַיינוּ דֶער בֶּן מֶלֶךְ) **וָואס בַּיי אִים** זֶענֶען עֶס פַארְגַאנְגֶען דִי צְוֵויי בְּהֵמוֹת אִיז אַלְץ גִיגַאנְגֶען אוּן הָאט נָאךְ גִיָאגְט נָאךְ דִי בְּהֵמוֹת.

**אוּן זֵיי אַנְטְלוֹיפְן אַלְץ.** אוּן עֶר הָאט זֵיי אַסַאךְ נָאךְ גִיָאגְט. בִּיז עֶר אִיז אַרַיין גִיקוּמֶען אִין גִידֶעכְטִין וַואלְד אַרַיין הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵּׁב גִיוֶוען. סַיי וִוי סַיי. וֶועל אִיךְ שׁוֹין שְׁטַארְבִּין וָוארִין אַז אִיךְ וֶועל מִיךְ אוּמְקֶערִין אָן דִי בְּהֵמוֹת. וֶועל אִיךְ שְׁטַארְבִּין דוּרְךְ דֶעם סוֹחֵר. וָוארִין מַחְמַת גְרוֹיס פַּחַד וָואס עֶר הָאט גִיהַאט פַאר דֶעם סוֹחֵר.

**הָאט זִיךְ אִים גִידַאכְט.** אַז דֶער סוֹחֵר וֶועט אִים הַרְגֶענֶען. אַז עֶר וֶועט זִיךְ אוּמְקֶערִין. אָן דִי בְּהֵמוֹת. אוּן אַז אִיךְ וֶועל דָא זַיין. וֶועל אִיךְ אוֹיךְ שְׁטַארְבִּין דוּרְךְ דִי חַיוֹת פוּן דֶעם וַואלְד.

**הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵּׁב גִיוֶוען.** וָואס זָאל אִיךְ מִיךְ אוּמְקֶערִין צוּם סוֹחֵר. וִוי קָאן אִיךְ צוּ אִים קוּמֶען אָן דִי בְּהֵמוֹת. וָוארִין עֶר הָאט גִיהַאט גְרוֹיס פַּחַד פַאר אִים. אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען. אוּן הָאט וַוייטֶער נָאךְ גִיָאגְט נָאךְ דִי בְּהֵמוֹת אוּן זֵיי אַנְטְלוֹיפִין אַלְץ.

**דֶערְוַוייל אִיז נַאכְט** גִיוָוארִין אוּן אַזוֹינְס הָאט עֶר נָאךְ נִיט גִיהַאט אַז עֶר זָאל מוּזִין נֶעכְטִיגְן אַלֵיין בַּיינַאכְט אִין אַזוֹי אֵיין גִידִיכְטְן וַואלְד. אוּן עֶר הָאט גִיהֶערְט דָאס בְּרוּמֶען פוּן דִי חַיוֹת וָואס זֵיי הָאבִּין גִיבְּרוּמְט אַזוֹי וִוי זֵייעֶר סֵדֶר אִיז.

**הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵּׁב גִיוֶוען.** אוּן אִיז אַרוֹיף גִיגַאנְגֶען אוֹיף אַ בּוֹים אוּן הָאט דָארְט גִינֶעכְטִיגְט. אוּן עֶר הָאט גִיהֶערְט דָאס קוֹל פוּן דִי חַיוֹת וָואס זֵיי הָאבְּן גִישְׁרִיגְן אַזוֹי וִוי זֵייעֶר סֵדֶר אִיז.

דער געווינער פון "גאר מיין זאך איז תפלה" צייטליך שבת אינדערפרי פרשת ויצא ביים דאווענען איז

## הילד החשוב
## שמעון סטארט, בית שמש

**צו קענען אריינגיין אין גורל, קלינג אריין נאך שבת אין טעל-ליין 02-5-3333-72 אויף קנעפל זיבן זאג אריין דיין נאמען און טעלעפאן נומער מיט די ווערטער "גאר מיין זאך איז תפלה".**

# בחינה אויף ספורי מעשיות

## די עלעפטע מעשה (2) - דער בן מלך און בן שפחה וואס זענען פארביטן געווארן

**א. וואס האט דער קעניג געטאן ווען ער האט געהערט מענטשן שמועסן אז די קינדער זענען פארביטן?**
- ❑ ער האט זיי געווארנט אז ער וועט זיי פארשיקן
- ❑ ער האט זיך זייער געשעמט
- ❑ ער האט זיי געשטראפט און געפייניקט

**ב. וואס איז געווען פאר די שיינע ארט ווי דער קעניג איז געגאנגען שפאצירן?**
- ❑ א טייך וואסער
- ❑ א מקוה
- ❑ א פעלד מיט זיסע פרוכט

**ג. וואס האט דער קעניג דארט געטוהן?**
- ❑ ער האט זיך געטובל'ט אין טייך
- ❑ ער האט געפאנגען חיות
- ❑ ער האט חרטה געהאט אויף די עבירה אז ער האט פארטריבן דער אמת'ער בן המלך

**ד. וואס האט דער קעניג און די שרים נאכדעם געטוהן?**
- ❑ זיי האבן ווייטער שפאצירט
- ❑ זיי זענען אהיים
- ❑ זיי זענען געבליבן דארט אויף דעם פלאץ

**ה. וואס האט דער קעניג געטוהן נאכדעם וואס ער איז אהיים?**
- ❑ ער האט זיך געפארעט אין זיינע זאכן און פארגעסן פון די חרטה
- ❑ ער האט נישט אויפגעהערט טראכטן פון די חרטה
- ❑ ער האט און געכאפט די קעניגרייך מיט שטארקייט

**ו. וואס האט דער אמת'ער בן המלך געטוהן ווען ער איז אמאל אליין געגאנגען שפאצירן?**
- ❑ אויסגענוצט זיינע געלט
- ❑ ער האט זיך געטובל'ט אין א טייך וואסער
- ❑ ער האט זיך צוגעלייגט

**ז. וואס נאך האט זיך דארט געטוהן מיט אים?**
- ❑ ער האט אנגעהויבן האבן גרויס צער און חרטה אויף זיינע מעשים רעים
- ❑ ער האט זיך נאכאמאל געומען צום טרונק
- ❑ ער האט דארט גערעדט מיט א חבר

**ח. וואס האט זיך געטוהן מיט אים ווען ער איז צוריק אהיים?**
- ❑ ער האט תשובה געטוהן און אפגעלאזט זיינע שלעכטע מעשים
- ❑ ער האט זיך ווייטער גענומען צום טרונק
- ❑ ער האט געזוכט א צדיק וואס זאל אים ארויס נעמען פון שאול תחתית

**ט. וואס האט ער זיך נאכדעם גע'חלום'ט?**
- ❑ ווי ער ווערט קעניג איבער די וועלט
- ❑ ער זאל גיין צו עפעס א יריד און אננעמען די ערשטע פארדינסט
- ❑ אז דער אמת'ער בן השפחה האט חרטה אז ער האט אים פארשיקט

**י. וועמען האט ער באגעגנט ביים יריד?**
- ❑ דער אמת'ער בן השפחה
- ❑ א קנעכט
- ❑ א סוחר

**יא. וואס האט דער אמת'ער בן המלך געטוהן ביים סוחר?**
- ❑ געטריבן זיינע בהמות
- ❑ ער האט אים באדינט
- ❑ ער האט געפירט זיין פערד

**יב. וואס האט פאסירט מיט'ן אמת'ער בן המלך ווען ער איז אנגעקומען צום וואלד?**
- ❑ צוויי בהמות האבן פארבלאנדזשעט אין וואלד
- ❑ ער האט זיך דערמאנט זיין חרטה אויף זיינע עבירות
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**יג. וואס האט דער אמת'ער בן המלך נאכדעם געטוהן?**
- ❑ ער האט זיך געלייגט שלאפן
- ❑ ער איז נאכגעלאפן די בהמות אין געדיכטן וואלד
- ❑ ער האט זיך באהאלטן אין א גרוב

**יד. פארוואס האט ער מורא געהאט פונעם סוחר, אז ער וועט אים הרג'ענען, אויב וועט ער קומען אן די בהמות?**
- ❑ ווייל דער סוחר האט אים אזוי אנגעווארענט
- ❑ ווייל עס האט זיך אים אזוי געדאכט
- ❑ ווייל ער האט זיך אזוי גע'חלום'ט

**טו. וואס לערנסטו זיך דערוייל ארויס פון די מעשה?**
- ❑ וואס עס פאסירט אויב מען גלייבט נישט אז מ'איז די אמת'ער בן המלך
- ❑ אז מ'דארף חרטה האבן אויף שלעכטע זאכן
- ❑ ______________________________.

צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72

1-518-329-9149

## דער ריינער קוואל

המשך פון זייט 1

פאַרלענגערן דעם גלות ווייל ׳יָוָן׳ איז פון דער לָשׁוֹן הַפָּסוּק ״טָבַעְתִּי ׳בִּיוֵן׳ מְצוּלָה וְאֵין מָעֳמָד (תהלים סט, ג) ווי דָוִד הַמֶּלֶךְ בעט זיך צום באַשעפער: ״איך בין דערטראָנקען אין אַ טיפן בלאָטע און קען זיך נישט דערהאַלטן״, זיי, די יְוָונִים האָבן געוואָלט אַריינוואַרפן די אידן אין אַ ביטערע גָלוּת, אַז מיר זאָלן זיך נישט קענען אויפהייבן, אָבער דער באַשעפער האָט רַחֲמָנוּת געהאַט און נישט נאָר אַז די אידן האָבן באַזיגט די יְוָונִים נאָר זיי האָבן נאָך באַשטימט אַ נייעם יוֹם טוֹב וואָס דער גאַנצער יוֹם טוֹב איז נאָר צו דאַנקן און לויבן וואָס דורכדעם קען מען מַמְשִׁיךְ זיין דעם אוֹר, אַז שטענדיג ווען אַ איד האָט חָלִילָה אַ צַעַר אָדער אַ צָרָה זאָל ער זיך שטאַרקן מיטן דאַנקן אַזוי וועט ער קענען עפענען דאָס הַארץ צו שרייען און בעטן און אַזוי וועט ער אַרויסגיין איגאַנצן פון זיין ענגשאַפט.

דער אויבערשטער זאָל העלפן אַז די הייליגע ווערט פון דאַנקן און לויבן זאָל אַנטפּלעקט ווערן אויף דער וועלט און דורכדעם וועלן מיר זוֹכֶה זיין צו די גְאוּלָה הַשְּׁלֵמָה בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

## דעם רבי׳נס טיש

המשך פון זייט 2

איך זאָל קומען צו דער חֲתוּנָה, אָבער איך האָב אים געזאָגט: ״איך קען נישט גיין אויף קיין חֲתוּנָה, קיין תַּעֲרֻבֹת איז גראָדע נישט געווען דאָרט, נאָר דאָס רייכקייט איז געווען אַזוי גרויס, דאָס אָנגעטאָנקייט פון די לְבוּשִׁים. ווער האָט דאָס געזען אין אומאַן?! ווער האָט דאָס געזעהן פאַר די אויגן, ווער?!

איך בין געווען אַ חַזָּן אין אומאַן - אַ חַזָּן ביי די שלעפּערס, איך האָב זיי געדאַרפט צוטראָגן עפּעס געבן צו דער חֲתוּנָה; אָבער אַ חֲתוּנָה אין טשעהרין איז געווען אַ רייכע חֲתוּנָה, עס איז געווען עפּעס אַנדערש.

נאָר וואָס דען? איצטער ווערט מְקַיָּם וואָס דער רֶבִּי האָט געזאָגט: עס שטייט דאָך, ״כָּל הַמְקַיֵּם אֶת הַתּוֹרָה מֵעֹנִי״ וְכוּ׳ - גייט עס אויף די היינטיגע דורות!

דערווייל מאַכט מען איצטער שיינע חֲתוּנָה׳ס, מען נעמט אַרויס אַ שיינעם זאַל און מען גיבט עטליכע פּאַרציעס פיש מיט פליייש, מיט אַלע מַשְׁקָאוֹת און מען טאַנצט זייער געשמאַק - ווערט מְקֻיָּם: ״כָּל הַמְקַיֵּם הַתּוֹרָה מֵעוֹנִי, סוֹפָהּ לְקַיֵּם מֵעֹשֶׁר״ - איצטער איז מען מְקַיֵּים די עֲשִׁירוּת...

וואו האָט מען אַזעלכע חֲתוּנָה׳ס געזעהן? ביי מיין אייניקל - אַזאַ רייכקייט מיט מַאֲכָלִים, מיט די מַשְׁקָאוֹת, וואו האָט מען דאָס געזעהן?!

נו, כאָטש דאָס עֶצֶם חֲתוּנָה איז געווען דאָרטן עפּעס אַנדערש, נו - שוין, אָבער דאָס איז בָּרוּךְ הַשֵּׁם אויך זייער וואויל, דערווייל איז דאָך עס אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אֶרֶץ הַקְּדוֹשָׁה!

הדפסת הגליון נתנדב ע״י
ר׳ שלמה משי-זהב הי״ו
לרגל הולדת הבת

הדפסת הגליון נתנדב ע״י
ר׳ חיים סלסקי הי״ו

הדפסת הגליון נתנדב ע״י
ר׳ ראובן שיף הי״ו
לרגל נישואי בנו